אונזער היילינגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און בארינבטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת ויחי תשפ"ו / גליון י"ג

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# דאס ווארט פונעם סגן מנהל

## ואני און איך יעקב

די וואך פרשת ויחי איז אריבער גאר שיין און דערהויבן ווי עס פאסט פאר אזא הייליגע תלמוד תורה ווי די טאהש'ע חדר ובפרט די וואך ווען גאנץ כלל ישראל איז פארנומען מיט די הייליגע ואני וואס קינד און קייט חזר'ט די הייליגע נוסח האט די גאנצע בנין המוסדות געדינערט פון די הערליכע זיסע שטימעס פון די לעכטיגע טייערע קינדערלעך וויאזוי זיי חזר'ן די הייליגע ואני און מאכן זיכער עס גוט קענען צו פארשאפן אסאך נחת פאר די חשובע עלטערן ווען זיי פארהערן די קינדער די לימודים פון דער וואך.

אנגעפאנגען פון די קינדערגארטן קלאס איז מען א גאנצן טאג פארנומען מיט די הייליגע ואני ווען די חשובע מלמד האט אריינגעלייגט שווערע כוחות אז די קינדער זאלן קענען די הייליגע ואני און אידיש ווי זיס איז צו מיט האלטן וויאזוי די לעכטיגע קינדערלעך זאגן אזוי שיין די ואני און אידיש.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני' איז פארגעקומען און כתה א' די זעלביגע זאך. די לעכטיגע קינדערלעך האבן געחזר'ט און געחזר'ט די הייליגע ואני עברי טייטש מיט'ן שיינעם נוסח מיט א זעלטענעם מתיקות און ווארעמ'קייט אזוי ווי די חשובע מלמד האט זיי אויסגעלערנט.

אבער ווער רעדט נאך פון כתה ב' ווי די לעכטיגע קינדערלעך לערנען מיט אלע כוחות די הייליגע ואני מיט די הערליכע ריינעם שיינעם נוסח וואס די חשובע מלמד האט אריינגעלייגט כוחות עצומות אז די קינדער זאלן עס קענען ישר והפך ווי עס פאסט פאר אזעליכע חשובע קינדער פון כתה ב' פון טאהש'ע חדר.

טייערע עלטערן אדרבה גלייבט נישט וואס איר לייענט נאר פארהערט אייער זוהן און איבערצייגט אייך אליינס אז מיר זענען גערעכט.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער קענען טוהן אונזער הייליגע ארבעט צו זיכער מאכן אז די חשובע עלטערן זעהען ווייטער אסאך נחת ווי די קינדער שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה.

אסאך נחת<br>
און א גוט שבת<br>
משה מרדכי שטיינבערגער

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## הגה"צ אבד"ק שליט"א

### האט אפגעשטאט א באזוך בין כותלי המוסדות

דעם היינטיג'ן דאנאשטאג האט הגה"צ די רב שליט"א אפגעשטאט א געהויבענע באזוך בין כותלי המוסדות. ווען די רב שליט"א איז געקומען פארהערן די תלמידים פון כתה ב' דעם הייליג'ן ואני, נאך וואס די לעכטיגע קינדער פון כתה ב' גרייטן זיך שוין די גאנצע וואך מיט'ן חזר'ן די הייליגע ואני, צו זיין גרייט אויפ'ן פארהער פונעם רב שליט"א.

און טאקע ווי עס האט זיך אפגעשפילט די הזורעים בדמעה ברנה יקצרו איז געווען ווען די רב שליט"א האט פארהערט די לעכטיגע קינדערלעך און האט געזעהן ווי די לעכטיגע קינדער האבן אזוי גוט געענפערט אזויווי עס פאסט פאר אזעליכע חשובע קינדער פון די טאהש'ע חדר.

דערנאך האט די רב שליט"א פארטיילט פאר די לעכטיגע קינדער ממתקים און משמיע געווען דברי ברכה.

די באזוך פון די רב האט ווי פארשטענדליך איבערגעלאזט הויפענעס חיזוק פאר די לעכטיגע קינדער צו קענען אנגיין ביתר שאת ועז און וואקסן און שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים און פארשאפן אסאך נחת פאר די חשובע עלטערן.

## צדקה גדולה

די לעכטיגע קינדערלעך האבן אויסגענוצט די ימי החנוכה מיט'ן גיין נאך געלט פאר די הייליגע מוסדות. נאכדעם וואס די חשובע מלמדים האבן שיין ארום גערעדט איבער די הייליגע נושא פון גיין נאך געלט.

און טאקע נאך יו"ט חנוכה האבן אלע קינדער צוריק געברענגט די פושקע מיט וואס זיי זענען געגאנגען נאך געלט און באקומען א ספעציעלע מתנה פון די הנהלת המוסדות.

און עקסטערע יישר כח פאר די חשובע עלטערן פארן ארויסהעלפן מיטן זיכער מאכן אז די קינדער ווייסן וויאזוי און ווען צו גיין נאך געלט.

וכאן המקום לעורר אז ווער עס האט נאכנישט צוריקגעשיקט די פושקע זאל עס זעהן צוריק צו שיקן כדי אייער זוהן זאל באקומען זיין מתנה.

## א איבערבליק פון כתה א' דמוסדותינו הק'

### מלמד: הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א

און כתה א' האט מען און א מזל'דיגע שעה געענדיגט לערנען די נקודות
ווען מען גרייט זיך שוין אנצופאנגען לערנען די הייליגע נקודות מיט גאנצע ווערטער און זיך אויסלערנען בעז"ה וויאזוי מען זאגט תהילים און מען דאווענט ערליך און א סידור וואס די יעצטיגע זמנים איז ווי די שורש פאר א איד ווען אן קענען גוט די נקודות קען מען נישט לערנען קיין תורה.
דאס קומט נאך כוחות און יגיעה וואס די לעכטיגע קינדערלעך האבן אריינגעלייט און די לעצטערע וואכן און חדשים צו גוט קענען די הייליגע נקודות ווי עס פאסט און ב"ה אז מען האלט שוין ביי דעם אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו.
עס איז צום האפן אז זיי זאלן ווייטער שטייגן און וואקסן גרויסע תלמידי חכמים ויראי השם.

**השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך אידיש נחת!**

# א גריס

## פון די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן

יוסף הצדיק קומט מבקר חולה זיין יעקב אבינו און יעקב בענטש די קינדער











## מגבית אלה של מלכות

### טייערע עלטערן

בשם די הנהלת המוסדות  ווילן מיר זיך באדאנקן פאר ענקער שווערע ארבעט וואס איר טוט מיט אזא געטריישאפט צו מאכן זיכער צו שאפן געלט פאר די הייליגע רבי'ס מוסדות.

מיר האבן נישט קיין ווערטער און מויל און די שפראך איז צו ארעם צו ארויסברענגען אונזער הכרת הטוב פאר ענקער שווערע ארבעט

השי"ת זאל העלפן איר זאלט האבן אלעס גוט'ס בזכות רביה"ק ז"ע וואס די הייליגע מוסדות טראגט זיין הייליגע נאמען איר זאלט ווייטער זעהן אסאך תענוג ונחת פון ענקערע קינדער ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א

# מעמד נהדר אמה של מלכות

**גאר דערהויבן איז ארורך די געהויבענע מעמד אמה של מלכות ווי די חשובע עלטערן זענען צום ערשט'ן מאל זיך צוזאמען געקומען תחת קורת גג אחד און מען האט פארברענגט איינער מיט'ן צווייטן און צוגעזעהן פון דערנאנט די הייליגע איספעריע ווי די חשובע קינדער לערנען אינאיינעם א גאנצן טאג און הארעווען בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייליג'ן דרך המסורה לנו פון רביה"ק ז"ע.**

פון הארצ'ן טיפן ווילן מיר זיך באדאנקען פאר די חשובע מרת גרינבוים תח"י אשת ידידינו עוז העסקן הנמרץ לכל דבר שבקדושה הרב שלמה גרינבוים שליט"א מנכ"ל המוסדות פארן ארויסהעלפן אייביג אזוי געטריי איר חשובע מאן ובפרט יעצט ווען זי איז געשטאנען בראש פון די גאנצע איווענט השם יתברך זאל איר העלפן זי זאל האבן אלעס גוט'ס און ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש אומ'געשטערט.

מיר וויל'ן זיך באדאנקן פאר די חשובע מרת שווארץ שליט"א אשת הרה"ג ר' דוד שליט"א מרביץ תורה בעירינו פאר'ן אזוי גערן קומען מחזק זיין די חשובע עלטערן הקב"ה זאל איר באצאלן מיט אלע ברכות.

אן עקסטערע יישר כח פאר די חשובע מרת קאהן תח"י אשת הרב אברהם יצחק שליט"א נכד כ"ק מרן רבינו שליט"א ומלמד דרדקי במוסדותינו הקדושים פארן אנווארעמען די חשובע מאמע'ס ארויסצוהעלפן די חדר און אזוי קלאר אלעס מסביר זיין. די זכות זאל איר ביישטיין.

עס איז באמת געוועהן א גרויסע חיזוק ווי גערן אוןווארעם די חשובע מאמע'ס האבן זיך צוגעכאפט ארויסצוהעלפן מיט ברענגען די מאכלים אדער מיט סיי וואס עס האט אויסגעפעלט. יישר כח

און צום לעצט די מעמד 'אמה של מלכות' וואלט ווען נישט געקענט צושטאנד קומען אן די איבערגעבענע, געטרייע און שווערע ארבעט פון חשובע מרת גוטמאן תח"י אשת ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו הרב יחיאל אלטר שליט"א מגדולי עסקני קהילתינו הק' מחשובי הורי מוסדותינו הק' די אייבערשטער זאל איר באצאלן מיט כל טוב וטוב.










טאהש

מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

## • אמה של מלכות •

מיט א כח הרבים גייען מיר אן
מיט א פעסטקייט
צו שאפן געלט פאר די הייליגע מוסדות
**טייערע עלטערן לא עת לחשות**